בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

# גִּלָּיוֹן שִׁיעוּרֵי חִינוּךְ אִידִישׁ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת אוּן הַדְרָכוֹת פַאר עֶלְטֶערְן, מְלַמְּדִים, מְחַנְּכִים אוּן מְחַנְּכוֹת

מוסדות היכל הקודש ברסלב

גליון
ס"ה

פרשת שלח
שנת תשפ"ד

## שִׁיעוּרִים אִין חִינוּךְ

זוּנְטָאג פַּרְשַׁת כִּי תָבֹא, שְׁנַת תשפ"ג

**מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף בְּרֶענְגֶען מִיר אַייךְ אַ נַייֶע שִׁיעוּר וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט גֶעגֶעבְּן פַאר מְחַנְּכִים, זוּנְטָאג פַּרְשַׁת כִּי תָבֹא, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן, אִין שְׁטֶעטְל, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב - לִיבֶּערְטִי יע"א.**

**דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט מַקְדִּים גֶעוֶוען:** אִיךְ וִויל רֶעדְן סַיי זַאכְן וָואס זֶענֶען נוֹגֵעַ פַאר מְלַמְּדִים, אוּן סַיי זַאכְן וָואס זֶענֶען נוֹגֵעַ פַאר לֶערֶערִינְס, וַוייל - זֶה הַיּוֹם עָשָׂה ה' נָגִילָה וְנִשְׂמְחָה בוֹ - מִיטְ'ן הִילְף אוּן חֶסֶד פוּנֶעם בַּאשֶׁעפֶער הֵייבְּט מֶען מָארְגְן אָן נָאךְ אַ יָאר 'בֵּית פֵּיגָא', אוּן אִיךְ וִויל אַז דִי לֶערֶערִינְס זָאלְן אוֹיךְ אוֹיסְהֶערְן דֶעם שִׁיעוּר.

### גֶעבְּן אַ מִישׁ דֶעם טָאפּ

בָּרוּךְ הַבָּא בְּשֵׁם ה' בֵּרַכְנוּכֶם מִבֵּית ה', אַלֶע טַייעֶרֶע מְלַמְּדִים אוּן אַלֶע וָואס זֶענֶען עוֹסֵק אִין מְחַנֵּךְ זַיין אִידִישֶׁע קִינְדֶער.

אִיךְ דַאנְק אוּן אִיךְ לוֹיבּ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיךְ הָאבּ גֶעטְרָאפְן גוּטֶע סְטֶעף, בֶּאֱמֶת אוֹיסְדֶערְוֶועלְטֶע מְלַמְּדִים אוּן לֶערֶערִינְס, אוּן אִיךְ קוּק אַרוֹיס אוֹיף עֶנְק, אַז עֶנְק וֶועלְן מִיר הֶעלְפְן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף אוֹיפְבּוֹיעֶן דִי קוּמֶענְדִיגֶע דוֹרוֹת.

מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף וֶועל אִיךְ כְּסֵדֶר קוּמֶען מְחַזֵּק זַיין דִי מְלַמְּדִים, אַזוֹי וִוי מֶען טוּט אִין קָאךְ, אֲפִילוּ אוֹיבּ מֶען לֵייגְט אַרַיין אִין טָאפּ דִי בֶּעסְטֶע עֶסְנְוַוארְג מִיט דִי בֶּעסְטֶע גֶעוִוירְצְן (סְפֵּייסֶעס), אוֹיבּ וֶועט מֶען קְלָאצְן, מֶען וֶועט גָארְנִישְׁט טוּן מִיטְ'ן טָאפּ, וֶועט גָארְנִישְׁט אַרוֹיס קוּמֶען, דֶער קֶעכֶער דַארְף יֶעדֶע שְׁטִיק צַייט גֶעבְּן אַ מִישׁ מִיטְ'ן לֶעפְל, אַזוֹי וֶועט וֶוערְן דֶערְפוּן אַ פֵיינֶע גֶעשְׁמַאקֶע גֶעקֶעכְטְס, דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ אִיז אִין חֵדֶר אוּן אִין שׁוּלֶע, אֲפִילוּ עֶס זָאל זַיין דֶער בֶּעסְטֶער מְלַמֵּד, דִי בֶּעסְטֶע לֶערֶערִין, אוּן דִי בֶּעסְטֶע קִינְדֶער, אוֹיבּ מֶען פְרִישְׁט זִיךְ נִישְׁט אוֹיף - קֶען מֶען אַיינְשְׁלָאפְן, וֶועל אִיךְ מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף קוּמֶען גֶעבְּן אַ מִישׁ דֶעם טָאפּ, אִיךְ וֶועל פְּרוּבִּירְן צוּ מְחַזֵּק זַיין.

אִיךְ וֶועל הַיינְט רֶעדְן פוּן עֶטְלִיכֶע נְקוּדוֹת; אִיךְ וִויל עֶטְץ זָאלְטְס אָנְנֶעמֶען דִי פָאר נְקוּדוֹת וָואס אִיךְ בֶּעט עֶנְק אוּן עֶס אָפְּשְׁרַייבְּן, מֶען זָאל עֶס הָאבְּן פַאר זִיךְ אַ גַאנְץ יָאר, מֶען זָאל גֶעדֶענְקֶען אַז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה הָאט גֶערֶעדְט פוּן דֶעם אָנְהֵייבּ יָאר, וַוייל אִין דֶעם אִיז תָּלוּי דִי הַצְלָחָה, מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף.

### זַיין גְרֵייט פוּן פָאְרְאוֹיס

דִי עֶרְשְׁטֶע נְקוּדָה אִיז; מֶען מוּז זַיין אָנְגֶעגְרֵייט.

דִי הַצְלָחָה פוּן אַ מְלַמֵּד אוּן אַ לֶערֶערִין אִיז אַז עֶר אִיז אָנְגֶעגְרֵייט פוּן פָארְאוֹיס. אַ מְלַמֵּד דַארְף וִויסְן, וָואס גֵיי אִיךְ טוּן מִיט דִי קִינְדֶער דִי וָואךְ, וִוי אַזוֹי גֵיי אִיךְ אוֹיסְשְׁטֶעלְן מַיין טָאג, וֶוען דַארְף אִיךְ זַיין אִין חֵדֶר, וָואס גֵיי אִיךְ לֶערְנֶען מִיט דִי קִינְדֶער, וֶוען עֶסְט מֶען, וִוי לַאנְג דַאוֶוענְט מֶען, וֶוען וֶועט מֶען דֶערְצֵיילְן מַעֲשִׂיּוֹת פוּן תְּפִלָּה, וֶוען דֶערְצֵייל אִיךְ אַ מַעֲשֶׂה פוּן אַ צַדִּיק, וָואס גֵיי אִיךְ מַשְׁפִּיעַ זַיין פַאר דִי קִינְדֶער, וָואס אִיז דֶער לִימוּד וָואס אִיךְ דַארְף אוֹיסְלֶערְנֶען דִי קִינְדֶער; בַּיי דִי מֵיידְלֶעךְ אִיז אַיינְגֶעטֵיילְט דִי לִימוּדִים מִיט עִבְרִי, לֵיינֶען, שְׁרַייבְּן, פַּרְשָׁה, רֶעכֶענֶען אוּן הֲלָכוֹת, - מֶען דַארְף וִויסְן וִוי לַאנְג מֶען קֶען לֶערְנֶען מִיט קִינְדֶער אִין אֵיין צוּ, אוּן וִוי לַאנְג אִיז רִיסֶעס, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער.

אַז מֶען אִיז אָנְגֶעגְרֵייט פַארְדֶעם וָואס צוּ טוּן, אִיז דִי גַאנְצֶע טָאג גְרִינְגֶער, אָבֶּער אוֹיבּ מֶען וֵוייסְט נִישְׁט וָואס צוּ טוּן, מֶען קוּמְט אַרַיין אִין כִּתָּה אַזוֹי וִוי אַ 'בִּמְקוֹם', מֶען טְרַאכְט 'אִיךְ קוּם אַכְטוּנְג צוּ גֶעבְּן אַז זַאכְן זָאלְן נִישְׁט פְלִיעֶן...' דֶעמָאלְט הֵייבְּן זִיךְ אָן אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען, דִי קִינְדֶער שְׁפִּירְן גְלַייךְ אוֹיבּ דֶער מְלַמֵּד אָדֶער לֶערֶערִין וֵוייסְט וָואס עֶר וִויל אָדֶער עֶר וֵוייסְט נִישְׁט וָואס עֶר וִויל.

### מַאכְן גְרִינְג פַאר דִי אָפִּיס

דָאס אִיז דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ וָואס אִיךְ בֶּעט עֶנְק; מֶען זָאל זִיךְ אָנְגְרֵייטְן פָארְאוֹיס וָואס מֶען גֵייט טוּן דִי גַאנְצֶע וָואךְ, אוּן אִיךְ וִויל עֶנְק אוֹיךְ בֶּעטְן, אַזוֹי וִוי דִי מוֹסָד וֶוערְט גְרֶעסֶער, בָּרוּךְ הַשֵּׁם, אִיז דֶער מְצִיאוּת אַז עֶס וֶוערְט סִיסְטֶעמַאטִישׁ, אִיךְ וִויל נִישְׁט עֶס זָאל זַיין אַזוֹי, אָבֶּער אַזוֹי אִיז דֶער מְצִיאוּת, וִוילַאנְג מֶען הָאט גֶעהַאט אֵיין לֶערֶערִין וָואס אִיז גֶעזִיצְן מִיט קִינְדֶער אוּן אֵיין סֶעקְרֶעטֶערִי אִין אָפִּיס, הָאט מֶען גֶעקֶענְט בֶּעטְן פוּן דִי אָפִּיס וֶוען מֶען הָאט גֶעוָואלְט אוּן וָואס מֶען הָאט גֶעוָואלְט, אוּן מֶען הָאט עֶס גְלַייךְ בַּאקוּמֶען, אָבֶּער אַזוֹי וִוי דִי סֶעקְרֶעטֶערִיס הָאבְּן אַסַאךְ אַרְבֶּעט, מוּז מֶען פְּרוּבִּירְן צוּ אַרְבֶּעטְן מִיט הַאֶרְץ פוּן בֵּיידֶע זַייטְן, צוּ דִי סֶעקְרֶעטֶערִיס דַארְף אִיךְ רֶעדְן זֵייעֶר שְׁפְּרַאךְ, אָבֶּער דִי לֶערֶערִינְס וִויל אִיךְ בֶּעטְן מֶען זָאל פְּרוּבִּירְן צוּ בֶּעטְן פוּן דִי אָפִּיס וָואס מֶען דַארְף, כָּאטְשׁ 'צְוֵויי טֶעג פַארְדֶעם', אַזוֹי

וֶועט מֶען גְרִינְגֶער מַאכְן פַאר זִיךְ אוּן פַאר דִי אָפִּיס.

קַיין אֵיין לֶערֶערִין אִיז נִישְׁט קַיין בַּת יְחִידָה, עֶס אִיז דָא אַ גַאנְצֶע אָפִּיס, עֶס אִיז דָא אַסַאךְ זַאכְן וָואס דַארְפְן וֶוערְן עֶרְלֶעדִיגְט, דֶערִיבֶּער קֶען מֶען נִישְׁט אַרַיין קוּמֶען אִין אָפִּיס בֶּעטְן: **"מַאךְ מִיר דָאס, אִיךְ דַארְף עֶס 'שׁוֹין' הָאבְן פַאר דִי קִינְדֶער!"** - לָאמִיר פְּרוּבִּירְן אַרַיינְגֶעבְּן צֶעטְלֶעךְ גֶענוּג פְּרִי. אָנְהֵייבּ וָואךְ זָאל מֶען שׁוֹין טְרַאכְטְן וָואס מֶען דַארְף אַהֵיימְשִׁיקְן מִיט דִי קִינְדֶער סוֹף וָואךְ.

## אַ טָאג וָואס מֶען אִיז צַייטְלִיךְ - גֵייט אַלֶעס גְרִינְגֶער

דִי צְוֵייטֶע נְקוּדָה וָואס אִיךְ ווִיל בֶּעטְן; כְּדֵי אַ מְלַמֵד אוּן אַ לֶערֶערִין זָאל מַצְלִיחַ זַיין מִיט דִי קִינְדֶער, דַארְף מֶען זַיין צַייטְלִיךְ.

מַיין קְלֵיינֶער זוּן פוּן כִּתָּה ב' הָאט גֶעהַאט אַ בִּמְקוֹם מְלַמֵד, וֶוען עֶר אִיז אַהֵיים גֶעקוּמֶען פוּן חֵדֶר זָאגְט עֶר מִיר: **"דֶער רֶבִּי אִיז נִישְׁט קַיין גוּטֶער רֶבִּי, עֶר הֶערְט נִישְׁט אוֹיף צוּ שְׁרַייעֶן"**, אַ טָאג שְׁפֶּעטֶער קוּמְט עֶר אַהֵיים פוּן חֵדֶר אוּן זָאגְט מִיר: **"אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר אַ גוּטֶער רֶבִּי"**, הָאבּ אִיךְ גֶעטְרַאכְט אִיךְ מוּז פְרֶעגְן דֶער מְלַמֵד וָואס גֵייט פָּאר, אִיךְ פְרֶעג דֶעם מְלַמֵד: **"וָואס גֵייט פָּאר אִין חֵדֶר אַז מַיין זוּן זָאגְט מִיר נֶעכְטְן אַז דֶער רֶבִּי אִיז נִישְׁט גוּט, עֶר הֶערְט נִישְׁט אוֹיף צוּ שְׁרַייעֶן, אוּן הַיינְט זָאגְט עֶר מִיר אַז דֶער רֶבִּי אִיז דֶער בֶּעסְטֶער רֶבִּי?"** עֶנְטְפֶערְט מִיר דֶער מְלַמֵד: **"נֶעכְטְן בִּין אִיךְ אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען שְׁפֶּעט, אִיךְ בִּין גֶעקוּמֶען אִין חֵדֶר אַרוֹיס פוּן בֶּעט, דֶערִיבֶּער אִיז דִי גַאנְצֶע טָאג גֶעוֶוען מִיט שְׁרַייעֶן, הַיינְט בִּין אִיךְ אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען פְרִי, אִיךְ הָאבּ שׁוֹין גֶעהַאט גֶעגֶעסְן, אִיךְ הָאבּ זִיךְ שׁוֹין גֶעהַאט צוּזַאמְגֶענוּמֶען, אִיךְ בִּין שׁוֹין אֲפִילוּ גֶעוֶוען בָּאוֹרְד (לַאנְגְוֵוייליג) צוּ זִיצְן אִינְדֶערְהֵיים, אִיךְ הָאבּ שׁוֹין אַרוֹיסְגֶעקוּקְט אָנְצוּהֵייבְּן מַיין טָאג, דֶערִיבֶּער בִּין אִיךְ גֶעוֶוען רוּאִיג אִין חֵדֶר"**.

מֶען זֶעט פוּן דֶעם, אַז קִינְדֶער שְׁפִּירְן גְלַייךְ צִי דֶער מְלַמֵד אָדֶער דִי לֶערֶערִין אִיז אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען שְׁפֶּעט אוּן גֶעלָאפְן, אָדֶער עֶר אִיז גֶעקוּמֶען רוּאִיג, וּבִפְרַט דִי גָאר קְלֵיינֶע קִינְדֶער - זֵיי קֶען מֶען נִישְׁט אָפְּנַארְן.

מֶען דַארְף זַיין צַייטְלִיךְ אִין כִּתָּה, אוּן אַ טָאג בֶּעפָאר דַארְף מֶען שׁוֹין צוּלֵייגְן קָאפּ אַז 'מָארְגְן דַארְף אִיךְ זַיין צַייטְלִיךְ אִין כִּתָּה, אוּן אִיךְ וֶועל פְּרוּבִּירְן צוּ גֵיין שְׁלָאפְן פְּרִי', פַאר לֶערֶערִינְס אִיז נִישְׁט גְרִינְג צוּ זַיין אוֹיסְגֶערוּט, וַוייל מֶען קֶען נִישְׁט ווִיסְן וָואס גֵייט זַיין בַּיינַאכְט, צִי דִי בֶּעבִּי גֵייט שְׁלָאפְן גוּט אָדֶער עֶס גֵייט הַיינְט זַיין אַ וַואכְנַאכְט... דִי בֶּעבִּי גֵייט אוֹיפְזַיין בַּיינַאכְט, מֶען דַארְף אָבֶּער 'פְּרוּבִּירְן' צוּ זַיין אוֹיסְגֶערוּט, אוּן זַיין צַייטְלִיךְ.

אִיר קֶענְט זִיךְ דָאס אַלֵיינְס אִיבֶּערְצֵייגְן, קוּקְט גוּט, אַ טָאג וָואס מֶען אִיז צַייטְלִיךְ - אִיז דִי אַרְבֶּעט גְרִינְגֶער.

## אַ מְלַמֵד בַּיים עֶסְן

דִי דְרִיטֶע נְקוּדָה וָואס אִיךְ ווִיל זֵייעֶר שְׁטַארְק בֶּעטְן; וֶוער עֶס דַארְף זַיין מִיט דִי קִינְדֶער בַּיי פְּרִישְׁטָאג אוּן בַּיי לָאנְטְשׁ זָאל ווִיסְן, דָאס אִיז פִּיל ווִיכְטִיגֶער ווִי דִי צַייט וָואס מֶען אִיז מִיט דִי קִינְדֶער אִין כִּתָּה!

עֶס קֶען זִיךְ דַאכְטְן אַז מֶען קֶען גָארְנִישְׁט אוֹיפְטוּן מִיט דִי קִינְדֶער בַּיי פְּרִישְׁטָאג אוּן בַּיי לָאנְטְשׁ, וַוייל עֶס אִיז אַ לָאנְטְשׁ רוּם פוּן טוֹיזְנְט קִינְדֶער, אוּן בִּשְׁעַת'ן עֶסְן טוּט זִיךְ, זַאכְן פְלִיעֶן וְכוּ', אָבֶּער בֶּאֱמֶת קֶען מֶען דֶעמָאלְט זֵייעֶר אַסַאךְ אוֹיפְטוּן בַּיי דִי קִינְדֶער, מֶען קֶען דֶעמָאלְט זֶען ווֶעלְכֶע קִינְדֶער מֶען דַארְף אַבִּיסְל מֶער מְחַנֵךְ זַיין מִיט 'דֶרֶךְ אֶרֶץ', אוֹיסְלֶערְנֶען מֶענְטְשְׁלִיכְקֵייט ווִי אַזוֹי מֶען עֶסְט, אוֹיךְ קֶען מֶען דֶעמָאלְט בֶּעסֶער אוֹיפְפַּאסְן וָואס עֶס טוּט זִיךְ צְוִוישְׁן דִי קִינְדֶער, צִי מֶען טְשֶׁעפֶּעט זִיךְ אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן.

בִּשְׁעַת מֶען זִיצְט אִין כִּתָּה אוּן יֶעדֶער דַארְף זִיצְן גְרָאד, אִיז דָאךְ נִישְׁט שַׁיָיךְ מֶען זָאל זִיךְ יֶעצְט טְשֶׁעפֶּען אָדֶער אֵיינֶער זָאל צֶעקְוֶועטְשְׁן אַ צְוֵוייטְן, אָבֶּער בִּשְׁעַת דֶער מְלַמֵד אִיז אִין לָאנְטְשׁ רוּם, עֶר טֵיילְט אָדֶער בְּרֶענְגְט אַרַיין דָאס עֶסְן, אִיז דִי מַצָב לוּפְטִיג, קֶען עֶר בַּאמֶערְקְן אוֹיבּ קֵיינֶער ווִיל נִישְׁט זִיצְן נֶעבְּן אֵיין קִינְד, אָדֶער אֵיין קִינְד זִיצְט אִין דִי זַייט אוּן עֶר וֵויינְט, וַוייל קֵיינֶער ווִיל נִישְׁט שְׁמוּעֶסְן מִיט אִים.

קוּק זִיךְ נִישְׁט אָן אַז 'אִין כִּתָּה בִּין אִיךְ אַ מֶערְכְטִיגֶער מְלַמֵד אָדֶער אַ מֶערְכְטִיגֶע לֶערֶערִין, אוּן אִין לָאנְטְשׁ רוּם קוּם אִיךְ נָאר אַרַיין וַוייל דִי אָפִּיס פַארְלַאנְגְט אִיךְ זָאל דָא שְׁטֵיין מִיט אַ שִׁיסְל עֶסְן אוּן אוֹיסְטֵיילְן...' - נֵיין! זָאלְסְט ווִיסְן אַז יֶעצְט אִיז דִי צַייט וָואס אִיךְ קֶען אַרַיינְלֵייגְן אִין דִי קִינְדֶער מֶער ווִי אַ גַאנְצְן טָאג, יֶעצְט קֶען אִיךְ אוֹיפְפַּאסְן אוּן בַּאמֶערְקְן זַאכְן וָואס אִיךְ זֶע נִישְׁט אַ גַאנְצְן טָאג.

## מֶען דַארְף נִישְׁט אָפְּשְׁטֶעלְן דִי לָאנְטְשׁ רוּם

אוֹיבּ מֶען בַּאמֶערְקְט אִין לָאנְטְשׁ רוּם צְוִוישְׁן דִי קִינְדֶער עֶפֶּעס וָואס אִיז נִישְׁט רִיכְטִיג, דַארְף מֶען נִישְׁט אָפְּשְׁטֶעלְן דִי לָאנְטְשׁ רוּם צוּלִיבּ דֶעם, מֶען דַארְף אָבֶּער גֶעדֶענְקֶען וָואס מֶען הָאט בַּאמֶערְקְט, ווִי דֶער קִינְד וֶוערְט וֵויי גֶעטוּן, אָדֶער דֶער קִינְד שַׁאפְּט אוֹיף דִי גַאנְצֶע כִּתָּה, וֶוען עֶר בַּאשְׁלִיסְט אַז מֶען גֵייט יֶעצְט נִישְׁט עֶסְן - עֶסְט קֵיינֶער נִישְׁט; אוּן מָארְגְן אִין כִּתָּה וֶועל אִיךְ קֶעיר נֶעמֶען פוּן דֶעם. יֶעדֶער מְלַמֵד וֶועט זֶען לוֹיט זַיינֶע כֵּלִים, לוֹיט זַיין וֶועג, ווִי אַזוֹי עֶר קֶען מַאכְן אַז דִי זַאכְן זָאלְן מֶער נִישְׁט פַּאסִירְן.

נֶעמְט אַרַיין דֶעם נְקוּדָה אִין מֹחַ: זַיין מִיט דִי קִינְדֶער בַּיים עֶסְן, אִיז אוֹיךְ אַ ווִיכְטִיגֶע זַאךְ. דָאס זָאל זַיין בַּיי דִיר דִי זֶעלְבֶּע חָשׁוּב ווִי דָאס דַאוֶוענֶען אוּן ווִי דֶער לִימוּד וָואס דוּ לֶערְנְסְט מִיט זֵיי.

שְׁרַייבְּט אַרָאפּ דִי פָּאר נְקוּדוֹת וָואס אִיךְ זָאג עֶנְק יֶעצְט, וֶועט אִיר זִיךְ קֶענֶען אוֹיפְפְרִישְׁן מִיט דִי זַאכְן אַ גַאנְץ יָאר אוּן גֶעדֶענְקֶען אַז אִין דֶעם אִיז אָנְגֶעהָאנְגֶען מַיין הַצְלָחָה.

דָאס זֶענֶען דִי פָּאר נְקוּדוֹת וָואס אִיךְ הָאבּ עֶנְק זֵייעֶר גֶעוָואלְט בֶּעטְן, יֶעצְט ווִיל אִיךְ צוּלֵייגְן נָאךְ זַאכְן וָואס זֶענֶען מֶער בִּכְלָלִיוּת.

**הֶמְשֵׁךְ פוּנֶעם שִׁיעוּר וֶועט קוּמֶען מִיט'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנ'ס הִילְף קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ**

חִינוּךְ אָפְּטֵיילוּנְג
אוֹיף קוֹל בְּרֶסְלֶב
צו הערן אלע שיעורים אויף חינוך
פון דער ראש ישיבה שליט"א
אויף קול ברסלב
דרוקט: 1-2-4-2
- שמעו ותחי נפשכם -

## וִוי אַזוֹי לֶערְנְט מֶען אוֹיס קִינְדֶער זִיךְ צוּ פַארְלָאזְן אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ ווִיל פְרֶעגְן וִוי אַזוֹי מֶען לֶערְנְט אוֹיס קִינְדֶער זִיךְ צוּ פַארְלָאזְן אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִין דִי צַייט וָואס פוּן נַאטוּר אוֹיס וֶועלְן דִי קִינְדֶער זִיךְ פַארְלָאזְן אוֹיף זֵייעֶרע עֶלְטֶערְן?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ – יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת שְׁלַח, כ"ב סִיוָן, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

וִוי אַזוֹי מֶען אִיז מְחַנֵךְ קִינְדֶער – אַזוֹי וַואקְסְן זֵיי אוֹיף; אַז מֶען רֶעדְט צוּ זֵיי אַסַאךְ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶועלְן זֵיי אוֹיפְוַואקְסְן מִיט אֱמוּנָה. קִינְדֶער וָואס הֶערְן טָאג אוּן נַאכְט פוּן דִי עֶלְטֶערְן אוּן מְחַנְּכִים: "דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט הֶעלְפְן", "מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף", "בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן", "יְיַשֶׁר כֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער" – וֶועלְן אוֹיפְוַואקְסְן גְרוֹיסֶע צַדִיקִים.

קִינְדֶער כַאפְּן זִיךְ מֶער צוּ וֶוען מֶען רֶעדְט צוּ זֵיי דִיבּוּרֵי אֱמוּנָה. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (סוֹטָה ג:): "בַּתְּחִלָּה קוֹדֶם שֶׁחָטְאוּ יִשְׂרָאֵל, הָיְתָה הַשְּׁכִינָה שׁוֹרָה עִם כָּל אֶחָד וְאֶחָד", פַאר מֶען הָאט גֶעזִינְדִיגְט הָאט דִי שְׁכִינָה גֶערוּט בַּיי יֶעדְן אֵיינֶעם, "כֵּיוָן שֶׁחָטְאוּ נִסְתַּלְּקָה שְׁכִינָה מֵהֶם", אָבֶער ווִיבַּאלְד מֶען הָאט גֶעזִינְדִיגְט – אִיז דִי שְׁכִינָה אַוֶועק גֶעגַאנְגֶען; וָואס אִיז דָאס 'שְׁכִינָה'? וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וַוייסְט קְלָאר אַז אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוּן עֶס אִיז גָארְנִישְׁט דָא אוֹיף דִי וֶועלְט אוֹיסֶער דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; וָואס מֶען זֶעט מִיט דִי אוֹיגְן אִיז נָאר אַ לְבוּשׁ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָאךְ מְמַלֵּא כָּל עָלְמִין וְסוֹבֵב כָּל עָלְמִין, אֵין שׁוּם מְצִיאוּת מִבַּלְעָדֶיךָ כְּלַל, וּבְכָל תְּנוּעָה וּתְנוּעָה שָׁם אַלּוּפוֹ שֶׁל עוֹלָם, נָאר עֶר הָאט זִיךְ פַארְשְׁטֶעלְט אִין דוֹמֵם, צוֹמֵחַ, חַי, מְדַבֵּר; אַזוֹי אוֹיךְ וַוייסְט עֶר אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעפִינְט זִיךְ מִיט אִים, בַּיי אִים אוּן נֶעבְּן אִים, דָאס מֵיינְט 'הַשְׁרָאַת הַשְּׁכִינָה' – דִי שְׁכִינָה רוּט בַּיי אִים. דֶעמָאלְט הוֹיבְּט דֶער מֶענְטְשׁ אָן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר דֶערְצֵיילְט אַלֶעס פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן עֶר שְׁמוּעֶסְט זִיךְ אוֹיס זַיין הַארְץ מִיט אִים אַזוֹי וִוי עֶר וָואלְט גֶערֶעדְט מִיט זַיין נָאנְטֶער חַבֵר.

אָבֶּער וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זִינְדִיגְט רַחְמָנָא לִצְלָן גֵייט אַרַיין אִין אִים חָכְמוֹת, שְׁטוּתִים אוּן דִמְיוֹנוֹת, כְּאִילוּ דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִיבֶּערְגֶעלָאזְט דִי וֶועלְט וְכוּ׳; מֶען אִיז צֶעבְּרָאכְן אוּן צֶערִיסְן, אוּן מֶען גֵייט אַרוּם מִיט קַשְׁיוֹת אוּן סְפֵיקוֹת אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן רַחְמָנָא לִצְלָן. דֶערִיבֶּער קִינְדֶער וָואס זֶענֶען נָאךְ רֵיין – טוּעֶן דִי מִצְוֹת מִיט אַ מוֹרָא'דִיגֶע אֱמֶת בִּתְמִימוּת וּבִפְשִׁיטוּת, צוּ זֵיי קֶען מֶען רֶעדְן רֵיינֶע אֱמוּנָה וֶוערְטֶער אָן קַיין דְרֵיידְלֶעךְ.

זָאלְסְטוּ זֶען צוּ רֶעדְן מִיט דַיינֶע קִינְדֶער מַעֲשִׂיוֹת פוּן תְּפִלָּה אוּן מַעֲשִׂיוֹת פוּן צַדִיקִים. דֶערְצֵייל זֵיי כְּסֵדֶר וִוי אַזוֹי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְט וֶוען מֶען דַאוֶונְט אוּן מֶען בֶּעט אִים, זָאלְן זֵיי הֶערְן וִוי דִי הֵיילִיגֶע צַדִיקִים הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ וֶוערְן אַזוֹי הֵיילִיג אוּן גְרוֹיס דוּרְךְ רֶעדְן אַסַאךְ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דוּרְכְדֶעם וֶועט אִין זֵיי אַרַיינְגֵיין אַ פֵייעֶר פוּן קְדוּשָׁה.

קִינְדֶער הָאבְּן זֵייעֶר לִיבּ צוּ הֶערְן מַעֲשִׂיוֹת, דָאס פְלַאקֶערְט אוֹיף זֵייעֶר הַארְץ לַעֲבוֹדַת הַשֵׁם יִתְבָּרַךְ. אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א׳, סִימָן רמח): "דַּע, שֶׁסִּפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מִצַּדִּיקִים הוּא דָּבָר גָּדוֹל מְאֹד", זָאלְסְט ווִיסְן – זָאגְט דֶער רֶבִּי – אַז דֶערְצֵיילְן מַעֲשִׂיוֹת פוּן צַדִיקִים אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ, "כִּי עַל יְדֵי סִפּוּרִים מִצַּדִּיקִים נִתְעוֹרֵר וְנִתְלַהֵב הַלֵּב בְּהִתְעוֹרְרוּת גָּדוֹל לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, בְּחֵשֶׁק נִמְרָץ מְאֹד". וַוייל וֶוען מֶען הֶערְט אַ מַעֲשֶׂה פוּן אַ צַדִיק וֶוערְט מֶען אוֹיפְגֶעפְלַאמְט אוּן מֶען בַּאקוּמְט אַ מוֹרָא'דִיגֶע חֵשֶׁק צוּ וֶועלְן וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, נָאכְדֶעם וָואס מֶען זֶעט וִוי דֶער צַדִיק הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען אוּן עֶר אִיז בַּייגֶעשְׁטַאנֶען אַלֶע זַיינֶע נִסְיוֹנוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

(ספר עצתו אמונה חלק ז׳, מכתב תרסז)

## וָואס עֶנְטְפֶער אִיךְ פַאר מַיין קִינְדֶער אוֹיף אֱמוּנָה שְׁאֵלוֹת?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

צוּם עֶרְשְׁט אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר דִי גֶעוַואלְדִיגֶע שִׁיעוּרִים וָואס זֶענֶען מִיר אַזוֹי שְׁטַארְק מְחַזֵק.

מַיין פִיר יֶערִיגֶע טָאכְטֶער פְרֶעגְט מִיר שְׁאֵלוֹת, אוּן אִיךְ וֵייס נִישְׁט וָואס אוּן וִוי אַזוֹי אִיז דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג אִיר צוּ עֶנְטְפֶערְן.

זִי פְרֶעגְט מִיר, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא? דָא בַּיי אוּנְז אִינְדֶערְהֵיים? עֶר אִיז אַרַיינְגֶעקוּמֶען פוּן דִי טִיר? אִין וֶועלְכֶע שְׁטוּבּ אִיז עֶר? וִוי אַזוֹי קֶען זֵיי אַז מֶען הָאקְט נִישְׁט אַרַיין אִין אִים וֶוען מֶען גֵייט אוּן מֶען רִירְט זִיךְ? אִיךְ בִּין אַ טָאכְטֶער פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן? עֶר אִיז מַיין טַאטֶע? אִיךְ הָאבּ דָאךְ אַ טַאטֶע אוּן מַאמֶע, עֶר אִיז נִישְׁט מַיין טַאטֶע. אִיז עֶר אוֹיךְ דַיין טַאטֶע?

וָואס דַארְף אִיךְ עֶנְטְפֶערְן אוֹיף אַזֶעלְכֶע סָארְט שְׁאֵלוֹת?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ – יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת וָאֶתְחַנַּן, י"ד אָב, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

וָואס דוּ וֵוייסְט פוּן אֱמוּנָה – זָאלְסְטוּ זָאגְן פַאר דַיינֶע קִינְדֶער; דוּ וֵוייסְט דָאךְ דֶעם דְרִיטְן אֲנִי מַאֲמִין: "אֲנִי מַאֲמִין בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵמָה שֶׁהַבּוֹרֵא יִתְבָּרַךְ שְׁמוֹ אֵינוֹ גוּף וְלֹא יַשִּׂיגוּהוּ מַשִּׂיגֵי הַגּוּף, וְאֵין לוֹ שׁוּם דִּמְיוֹן כְּלָל", דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן קֶען מֶען נִישְׁט זֶען; דָאס זָאלְסְטוּ פְרֶעדִיגְן אִין דַיינֶע קִינְדֶער, פוּן דִי גָאר פִיצְלֶעךְ קִינְדֶער וָואס זֶענֶען נָאךְ אִין דִי וִויגֶעלֶע; זִינְג מִיט זֵיי נִיגוּנִים פוּן אֱמוּנָה: "דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הִיט אוּנְז, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט לִיבּ אִידְן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וַוארְט מֶען זָאל אִים בֶּעטְן", אוּן וֶוען דִי קִינְדֶער פְרֶעגְן זֵייעֶרע שְׁאֵלוֹת, זָאלְסְטוּ זֵיי עֶנְטְפֶערְן דִי פְּשׁוּט'עֶ אֱמוּנָה: "דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא, דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן קֶען מֶען נִישְׁט זֶען, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער קוּמְט נִישְׁט אַרַיין פוּן קַיין פֶענְסְטֶער, פוּן קַיין טִיר; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער

אִיז אִיבֶּעראָל".

וֶוער נִישְׁט דֶערשְׁרָאקְן פוּן פְּרַאגֶעס פוּן קִינְדֶער אוּן נִישְׁט פוּן פְּרַאגֶעס פוּן דֶערְוַואקְסֶענֶע, אוֹיף אַלֶע פְּרַאגֶעס אִיז דָא אֵיין תֵּירוּץ: "עֶס אִיז דָא אַ בַּאשֶׁעפֶער וָואס אִיז מְהַוֶּה אוּן מְחַיֶּ' דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, עֶר אִיז אַלֶעס אוּן אַלֶעס אִיז עֶר"; דָאס אִיז דִי עֶנְטְפֶער אוֹיף אַלֶע פְּרַאגֶעס.

וִוי מֶער מֶען רֶעדְט פוּן אֱמוּנָה וֶוערְט מֶער אוּן מֶער לִיכְטִיג פַאר'ן מֶענְטְשׁ, מֶען גֵייט אַרוֹיס פוּן אַלֶע טוּנְקְלְקֵייטְן, פוּן אַלֶע צָרוֹת, אוּן חַס וְשָׁלוֹם אַזוֹי וִוי מֶען פַארְגֶעסְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן – הוֹיבְּן זִיךְ אָן אַלֶע צָרוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

(קונטרס עצתו אמונה פרשת עקב שנת תשפ"ב)

## רֶעד מִיט דִי קִינְדֶער אַסַאךְ דִיבּוּרֵי אֱמוּנָה, וֶועלְן זֵיי זַיין גֶעזוּנְט אוּן רוּאִיג

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ

יוֹם א' פַּרְשַׁת אַחֲרֵי קְדוֹשִׁים, ב' אִיָּר, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד הַמְּלַמֵּד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (מַסֶּכֶת כַּלָּה רַבָּתִי, פֶּרֶק ב): "בְּכָל יוֹם מַלְאָךְ יוֹצֵא מִלִּפְנֵי הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא לְחַבֵּל אֶת הָעוֹלָם", יֶעדְן טָאג גֵייט אַרוֹיס אַ מַלְאָךְ פוּן הִימְל אוּן ווִיל חָרוּב מַאכְן דִי וֶועלְט, "כֵּיוָן שֶׁהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מִסְתַּכֵּל בְּתִינוֹקוֹת שֶׁל בֵּית רַבָּן, מִיָּד נֶהְפָּךְ כַּעֲסוֹ לְרַחֲמִים", אוּן וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זֶעט וִוי דִי קִינְדֶער, דִי תִּינוֹקוֹת שֶׁל בֵּית רַבָּן לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה – לָאזְט עֶר נִישְׁט דֶעם מַלְאָךְ זָאל חָרוּב מַאכְן; זֶעט מֶען אַז דִי גַאנְצֶע וֶועלְט שְׁטֵייט אוֹיף דִי תּוֹרָה פוּן תִּינוֹקוֹת שֶׁל בֵּית רַבָּן.

רֶעד מִיט דִי קִינְדֶער אַסַאךְ דִיבּוּרֵי אֱמוּנָה, וֶועלְן זֵיי וֶוערְן גֶעזוּנְט אִין אַלֶע בְּחִינוֹת. וִוי מֶער דֶער מְלַמֵּד רֶעדְט אוּן שְׁמוּעֶסְט פוּן אֱמוּנָה אוּן פוּן מַעֲשִׂיוֹת פוּן הַשְׁגָּחָה פְּרָטִית, מַעֲשִׂיוֹת פוּן אֱמוּנָה וּבִטָּחוֹן – וֶוערְט אִין כִּתָּה אַ רוּאִיגֶע לוּפְט, אַ זִיסֶע לוּפְט; דִי קִינְדֶער ווִילְן קוּמֶען אִין חֵדֶר, זֵיי וַוארְטְן צוּרִיק צוּ קוּמֶען אִין חֵדֶר.

אַן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע זַאךְ קֶענֶען מְלַמְּדִים זֶען; דִי קִינְדֶער וָואס קוּמֶען פוּן שְׁטוּבֶּער ווְאוּ מֶען רֶעדְט פוּן אַסַאךְ אֱמוּנָה – זֵיי הָאבְּן נִישְׁט קַיין פְּחָדִים, זֵיי דַארְפְן נִישְׁט דִי טִפּוּלִים פוּן דִי אוּמוֹת הָעוֹלָם, דִי קִינְדֶער זֶענֶען פְרֵיילִיכֶע קִינְדֶער, עֶס פֶעלְט זֵיי גָארְנִישְׁט, אוּן דִי וָואס קוּמֶען פוּן שְׁטוּבֶּער ווְאוּ מֶען רֶעדְט נִישְׁט קַיין אֱמוּנָה – דִי דַארְפְן הָאבְּן טֶערֶעפִּי.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

(קונטרס עצתו אמונה פרשת אמור שנת תשפ"ג)

## וִוי אַזוֹי אִיז מֶען מַסְבִּיר אֱמוּנָה פַאר קִינְדֶער?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

יְיַשֶּׁר כֹּחַ פַאר דִי שִׁיעוּרִים אוּן בְּרִיוו וָואס שַׁיינֶען אוּן לַייכְטְן אוֹיף אוּנְזֶער לֶעבְּן.

אִיךְ פְּרוּבִּיר צוּ רֶעדְן כְּסֵדֶר צוּ מַיינֶע קִינְדֶער וֶועגְן אֱמוּנָה פְּשׁוּטָה, אָבֶער מַיין אִינְגֶל, צֶען יָאר אַלְט, אִיז גֶעקוּמֶען צוּ מִיר וֵויינֶען בַּיינַאכְט אַז פַאר עֶר לֵיינְט קְרִיאַת שְׁמַע טְרַאכְט עֶר מָאדְנֶע זַאכְן, עֶר טְרַאכְט אַז וָואס עֶר גֵייט יֶעצְט זָאגְן אִין קְרִיאַת שְׁמַע אִיז נִישְׁט אֱמֶת חַס וְשָׁלוֹם, אוּן עֶס שְׁטֶערְט אִים.

וִוי אַזוֹי קֶען מֶען זָאגְן אוּן מַסְבִּיר זַיין פַאר אַ קִינְד אוֹיף זַיין שְׁפְּרַאךְ אַז יָא דָאס אִיז אֱמֶת אַז מִיר הָאבְּן אֵיין אֵיינְצִיגֶער הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אוֹיף דִי גַאנְצֶע וֶועלְט.

יְיַשֶּׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ – יוֹם ג' פַּרְשַׁת יִתְרוֹ, ל' שׁוֹבָבִ"ים, ט"ז שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

רֶעד מִיט דַיינֶע קִינְדֶער וָואס מֶער פוּן אֱמוּנָה – וֶועלְן זֵיי הָאבְּן אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, ווַייל וִוי מֶער מֶען רֶעדְט פוּן אֱמוּנָה – וֶוערְט שְׁטֶערְקֶער אוּן שְׁטֶערְקֶער דִי אֱמוּנָה. אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת אֱמוּנָה, סִימָן י): "אֱמוּנָה תּוֹלָה בְּפֶה שֶׁל אָדָם", אֱמוּנָה אִיז אָנְגֶעהָאנְגֶען אִינֶעם מוֹיל; דוּרְךְ רֶעדְן פוּן אֱמוּנָה – בַּאקוּמְט מֶען אֱמוּנָה. אַלֶע דִיבּוּרִים זָאלְן זַיין אֱמוּנָה.

עֶס אִיז גוּט אַז דַיין ווַייבּ זָאל מַאכְן חַלּוֹת לִכְבוֹד שַׁבָּת אוּן בַּיים אָפְּשֵׁיידְן חַלֶּה זָאל זִי בֶּעטְן אַז דִי קִינְדֶער זָאלְן הָאבְּן אֱמוּנָה. ווַייל דֶער רֶבִּי זָאגְט (שָׁם חֵלֶק ב', סִימָן יד): "אִשָּׁה הַזְּהִירָה בְּחַלָּה", אַ פְרוֹי וָואס שֵׁיידְט אָפּ חַלֶּה, "בָּנֶיהָ בַּעֲלֵי אֱמוּנָה", וֶועלְן אִירֶע קִינְדֶער הָאבְּן אֱמוּנָה.

דֶער עִיקָר זָאלְסְטוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר דַיינֶע קִינְדֶער זֵיי זָאלְן זַיין עֶרְלִיכֶע אִידְן, צַדִּיקִים; דִי תְּפִילּוֹת וָואס עֶלְטֶערְן בֶּעטְן פַאר דִי קִינְדֶער אִיז דִי שְׁטֶערְקְסְטֶע סְגוּלָה פַאר גוּטֶע קִינְדֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

(קונטרס עצתו אמונה פרשת תרומה שנת תשפ"ג)

צו באקומען וועכנטליך דעם גליון, ביטע שרייבט צו: jhbul1234@gmail.com